מאי 1962

יצחק באַשעוויס

# אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך

(פון אַ רעדע)

ווען מ'האָט מיך אײַנגעלאַדן צו רעדן פאַר דעם דאָזיקן עולם, האָב איך געוואוסט פאָראויס אַז ס'איז נישטאָ די זאַך וואָס כ'קאָן אים זאָגן וואָס ער ווייסט נישט אַליין, אָדער וואָס ער קאָן נישט געפינען אין ביבליאָטעק. כ'האָב דעריבער ביי מיר אָפּגעפּאַסט צו רעדן וועגן זיך אַליין. ס'איז אַוודאי נישט באַשיידן צו רעדן וועגן זיך. אָבער אַמווייניקסטן האָב איך אויף דעם געביט מער אויטאָריטעט פון אַנדערע. כ'האָף אויך אַז מיין געשיכטע קאָן אין זין דינען פאַר אַ ביישפּיל און מ'קאָן פון איר עפּעס לערנען.

איך קאָן זאָגן אַז איך בין אויף מיין אייגענער הויט דורכגעגאַנגען רייע עפּאָכן אין דער אידישער געשיכטע. איך בין אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ היים וואו ס'האָט געברענט מיט אַ מעכטיק פייער דער אַלטער אידישער גלויבן. אונזער שטוב איז געווען אַ שטוב פון תורה און ספרים. אַנדערע קינדער אין מיין עלטער האָבן געהאַט שפּילעכצער. איך האָב זיך געשפּילט מיט מיין טאַטנס ספרים. איך האָב אָנגעהויבן „שרייבן" נאָך איידער כ'האָב געקאָנט דעם אַלף־בית. כ'האָב גענומען דעם טאַטנס פּען, זי געטונקען אין טינט און אָנגעפּינטלט גאַנצע בויגנס פּאַפּיר. דער שבת איז געווען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. איך האָב אויף דעם טאָג געמוזט אַוועקלייגן מיין שרייבערישע מלאָכה.

מיין פאָטער האָט זיך אַריבערגעצויגן פון ראַדזימין קיין וואַרשע ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג קינד און דאָרט האָב איך איבערגעלעבט אַ צווייטע עפּאָכע: די עפּאָכע פון השכלה. מיין ברודער י. י. זינגער, דער שפּעטערדיקער מחבר פון „די ברידער אַשכנזי", איז געוואָרן אַ ראַציאָנאַליסט. ס'איז נישט געווען אין זיין נאַטור צו באַהאַלטן זיינע מיינונגען. ער איז געקומען אַהיים און גערעדט צו מיינע עלטערן אָפענע דיבורים. אַלץ וואָס די ראַציאָנאַליסטן פון שפּינאָזאַן ביז מאַקס נאָרדוי, האָבן געהאַט צו זאָגן קעגן רעליגיע, האָט מיין ברודער אַרויסגעבראַכט אין זיינע טענות קלאָר און שאַרף. איך בין נאָך געווען יונג, אָבער איך האָב זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע וויכּוחים מיט דעם גרעסטן נייגער. צום גליק זיינען מיינע עלטערן אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. אַלץ וואָס מ'האָט געקענט זאָגן אין דער פאַרטיידיקונג פון רעליגיע האָבן זיי אויך אַרויסגעבראַכט קלאָר און שאַרף. איך געדענק ווי מיין פאָטער פלעגט אַ רוף טאָן: ווער־זשע האָט פאָרט באַשאַפן די וועלט? פון וואַנען האָט זיך פאָרט גענומען דער הימל, די שטערן, די זון, די לבנה, די מענטשן, די חיות? מיין ברודער האָט געענטפערט אַז אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט, דערמאָנט דאַרווינען, אָבער מיין מוטער האָט געטענהט: ווי אַזוי אַנטוויקלט זיך עפּעס פון ערד און וואַסער אַ באַשעפעניש מיט אויגן, אויערן, אַ האַרץ, לונגען, אַ מוח? מיין פאָטער פלעגט אַ זאָג טאָן: ווען אַ טינטער גיסט זיך אויס, שרייבט זיך נישט אָן דערפון אַ בריוו מיט אַ געציקלטער שריפט און מיט געהויבענע מליצות. מיין ברודער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער קשיא ווי מ'ווייסט נישט ביז היינט צו טאָג.

צו פאַרשטאַרקן די אמונה האָבן מיינע עלטערן כסדר גערעדט פון נסים



אין ביכער פון באַרימטע רבנים, ווי אויך דערציילט געשיכטעס פון שדים, גייסטער, דיבוקים. פאַר אייניקע פון די דאָזיקע געשיכטעס האָבן מיינע עלטערן געדינט ווי עדות און איך האָב געוואוסט אַז זיי זיינען נישט קיין ליגנער. מיין מוטער האָט געהאַט אַ וואָרזאָגערישן חלום. זי האָט פאָראויסגעזען דריי טעג פריער אַז עמעץ פון די שכנים וועט געווינען אויף דער לאָטעריע. מיין מוטער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ לאָטעריע. צו מיין זיידן, דער בילגאָרייער רב, אין שטוב איז אַריינגעקומען אַן אַלטער איד, אַ טרעפער, אַ בעל־מופת, און ער האָט געוויזן מיין זיידן אַז ער קאָן לייענען פון אַ ספר ווען דאָס ספר איז פאַרמאַכט אין ער, דער איד, שטייט אַוועקגעדרייט דערפון. איך האָב פון דער דאָזיקער געשיכטע שפּעטער אָנגעשריבן די דערציילונג „דער איד פון בבל". מיין פאָטער האָט אויך געקאָנט אַ הויז וואו ס'האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שדים, ווי מ'וואָלט עס היינט אָנגערופן: „אַ הויז מיט אַ פּאָלטער־גייסט". ביי אַ שוחט האָט דער נישט־גוטער געקלאַפּט וואָכן צייט. ער האָט געענטפערט אין קלאַפּ־לשון אַז מ'האָט אים עפּעס געפרעגט. איך קאָן זאָגן אַז אַלץ וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט ביי קאָנאַן דאָיל, סער אָליווער לאָדזש, גורני און מאַיער, פלאַמאַריאָן און פּראָפעסאָר רהיין, האָב איך געהערט אין אונזער שטוב אין עלטער פון זיבן אָדער אַכט יאָר. די אייביקע פראַגן, די וועלט־רעטענישן, די סודות פון דער מענטשלעכער נשמה, זיינען געווען אין אונזער הויז אַקטועל. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו דעם „מורה נבוכים", צום „כוזרי" און אַפילו צו קבלה־ספרים אין אַן עלטער וואָס וואָלט היינט געווען אומגלויבלעך. ערשט שפּעטער מיט יאָרן ווען איך האָב געלייענט די אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימון, האָב איך זיך איבערצייגט אַז קינדהייט־דערוואַקסנקייט איז דורכאויס אַ רעלאַטיווער באַגריף. שלמה מיימון האָט צו זיבן יאָר שוין געבויט אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן. ר' נחמן בראַסלעווער איז שוין צו פינף יאָר געווען אַ הייליקער און אַן אַסקעט. אין די צייטן פון היטלער־חורבן האָבן פיר און פינף יאָריקע קינדער זיך געפירט ווי דערוואַקסענע. די אינטעלעקטועלע אומרייפקייט פון דער היינטיקער יוגנט איז נישט קיין פיזיאָלאָגישע, נאָר אַן אויסדרוק פון לוקסוס. איך וויל זאָגן אַז ביי דעם אַלעמען בין איך געבליבן אַ קינד און האָב זיך אינטערעסירט מיט נישט ווייניקער פרייד פון די אַנדערע קינדער. אפשר נאָך מער. אין חדר וואו איך האָב געלערנט האָב איך צוגעצויגן די אינגלעך דורך די אויסטערלישע מעשיות וואָס איך האָב דערציילט. אין איין פאַל האָב איך איינגערעדט די אינגלעך אין חדר אַז מיין פאָטער איז אַ קעניג און די האָבן געגלויבט דערין אויך...

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צוצוזען און צו פילן אַלע סאָציאַלע וועטיקן פון דער צייט. מיין מוטער פלעגט טענהן: וואָס שלאָגן זיי זיך, די קיסרים? צוליב וואָס פאַרגיסן זיי בלוט? איך האָב געזען מענער אין אונזער גאַס און הויף אַוועקגיין אין קריג און איבערלאָזן וויינענדיקע פרויען און הונגעריקע קינדער. ס'האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַן עפּידעמיע פון טיפוס. מיין פאָטער פלעגט טענהן צו מיין ברודער: דו רעדסט דאָך כסדר אין נאָמען פון שכל, — וואָס איז דער שכל פון דער דאָזיקער מלחמה? צו וואָס פאַרגיסט מען אַזויפיל בלוט? וואָס טויגט עס וואָס די אַלע געלערנטע פּראָפעסאָרן העלפן מאַכן האַרמאַטן

ברעאיש איז מיר געווען נאענט, אבער זי איז פארט נישט מיין מוטער־שפראך. שרייבנדיק האב איך כסדר געמוזט זוכן אין זכרון ווערטער פון תנ״ך, פון דער משנה, פון די שפּעטערדיקע ספרים. נאך עפּעס, יעדעס העברעאישע ווארט שלעפט נאך זיך אומצאליקע אסאציאציעס. איך בין געקומען צום אויספיר אז אין אידיש וועט מיר אלץ אנקומען לייכטער. כ׳בין אריבער צו אידיש, אבער דאס האט נישט געמאכט קיין עק צו מיינע אינהיביציעס. עפּעס א טיוול האט מיך נישט געלאזט ארויסברעגנען מיין „איך״. איך האב נישט ווילנדיק נאכגעמאכט קנוט האמסון, טורגעניעוו און אפילו קלענערע שרייבער פון זיי. דער דאזיקער אונטערשייד צווישן דער אינערלעכקייט פון שרייבער און זיין אויסדרוק, איז אפשר די סאמע פיינלעכסטע איבערלעבונג פון יעדן שעפער. אין א זין בלייבט זי ביז צום סוף. מיר אלע האבן די אילוזיע אז מיר האבן א סך מער וואס צו זאגן וויפל מיר זיינען קאפאבל.

איך האב גענומען מיט מיינע אייגענע מיטלען און מעטאדן פארשן די טעכניק פון ליטעראטור. וואס מאכט טאלסטאין אדער דאסטאיעווסקין גרויס? איז עס אין אינהאלט, אין דער פארם, אין דער קאנסטרוקציע? מיין ברודער י. י. זינגער איז אין דער צייט געהאט אוועק קיין רוסלאנד, פארבראכט א פאר יאר אין קיעוו, געשריבן אין דער דארטיקער אידישער פרעסע און שוין געהאט פארעפנטלעכט זיין דערציילונג „פערל״. אין איינעם א טאג האט ער זיך באוויזן אין בילגאריי. ער איז געקומען אויף איין טאג. ער איז שוין געווען אן אנגענומענער שרייבער. איך האב געהאט גענוג כאראקטער אים נישט צו ווייזן מיינע שרייבעכצער. כ׳האב געוואוסט אז איך מוז אליין געפינען אן אויסוועג.

נאך א צייט בין איך געקומען קיין ווארשע און בין אריינגעפאלן אין סאמע קאך פון דער אידישער ליטעראטור. ס׳איז געווען אין די פריע צוואנציקער יארן. איך האב נאך נישט געהאט פארעפנטלעכט קיין שום זאך. כ׳האב געזעען אלע מיינע חסרונות, אבער איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי זיי אויסצומיידן אדער צו פארבעסערן. איך האב, אבער, אויך געזעען די חסרונות פון אנדערע. מיין ברודער האט זיך געחברט מיט די מאדערניסטן פרץ מארקיש וואס איז שפּעטער אומגעקומען ביי סטאלינען; מלך ראוויטש, אורי צבי גרינבערג און אויך מיט די שרייבער וואס זיינען געקומען פון אמעריקע אויף א באזוך ווי י. אפּאטאשו. עס זיינען דעמאלט ארויס אין ווארשע די „ליטערארישע בלעטער״ און איך האב באקומען אין דעם דאזיקן זשורנאל דעם פאסטן פון א קארעקטאר. די יונגע אידישע ליטעראטור איז געווען אנגעשמעקט מיט דעם גייסט פון רעוואלוציע. מארקיש האט געשריבן אין סטיל פון מאיאקאווסקי. דער באליבטסטער שרייבער ביי דער גרופּע איז געווען דער רוסישער פּאעט אלעקסאנדער בלאך, דער מחבר פון דער פּאעמע „צוועלף״. ס׳האט געהייסן ביי דער כאליאסטרע אז די קלאסישע און אקאדעמישע ליטעראטור איז באנקראט. מ׳האט פראקלאמירט א נייע צייט, א נייעם גייסט, א נייעם סטיל. איך האב נישט געהאט די העזה אקעגנצושטעלן די דאזיקע שרייבער, שוין אלע אנערקענטע, בעת איך האב נאך נישט געהאט פארעפנטלעכט קיין איין שורה. אבער איך האב וואויל געזען אז ס׳איז דארט נישט פאראן קיין נייער גייסט און נישט קיין נייער סטיל. מ׳האט אנגעטאן די אלטע טראפארעטן רויטע הויזן, אבער פון הינטער זיי האט ארויסגעווינט די אלטע באנאליטעט. די שרייבער האבן גענוצט אויסדרוק



אן גייסטיקער דעקונג, זשאנגלירט מיט ווערטער. דער גלויבן אז די באלשעוויסטישע רעוואלוציע וועט אויסלייזן די מענטשהייט פון אלע צרות איז געווען צו־נאאיוו אפילו פאר מיר, דעם בחור פון דער פראווינץ. די אידישע לאגע אין פוילן איז געווען א ביטערע. דאס פוילישע פאלק — דאס פאלק, ניט בלויז דער רעזשים — האט קיינמאל נישט קיין שלום געמאכט מיט דעם צווייטן פאלק, דעם אידישן, וואס האט אין זיינע גרענעצן אויסגעבויט א סיסטעם אין א סיסטעם, געהאט אן אייגענע אמונה, אן אייגענע שפראך, אייגענע ימים־טובים, אייגענע פאליטישע צילן. מיין פאטער האט אינגאנצן נישט געקאנט קיין פויליש. איך האב גערעדט פויליש מיט אן אקצענט. מיינע עלטערן האבן געלעבט אין פוילן נאך מיט זעקס הונדערט יאר צוריק, אבער איך האב זיך געפילט ווי אן אויסלענדער אין פוילן און איך בין דאס פאקטיש געווען. קיין שום רעוואלוציע האט נישט געקאנט צונויפברענגען די דאזיקע צוויי פעלקער וואס זיינען זיך געווען מוראדיק ווייט. ביידע, סיי דער קאמוניזם און סיי דער ציוניזם וואס האט דעמאלט באהערשט די אידן אין פוילן, האבן נישט געשטימט מיט די פוילישע אידעאלן. איך וויל זיך דא נישט בארימען און ס׳איז נישטא מיט וואס זיך צו בארימען, אבער איך האב שוין דעמאלט געזען קלאר אז אידן לעבן אויף א וואולקאן. אין מיין פארביטערונג האב איך פאראויסגעזאגט דעם חורבן. אבער ארום מיר האט […]וויבלט און געגריבלט מיט אפטימיזם און ראציאנאליזם, כאטש באפארבט מיט רויטן דאגמאטיזם.

מיין ברודער האט זיך באפרייט פון די רעוואלוציאנערע מליצות, אבער ער האט נאך אלץ געגלויבט, אדער בעסער געזאגט: געהאפט אז דאס מענטשלעכע מין וועט קומען צום שכל. ער האט נאך אלץ געלייגט האפענונגען אויף דער אזוי גערופענער אנטוויקלונג. ביסלעכווייז וועט דער מין מענטש איינזען אלע זיינע טעותים. מיין ברודער האט געמוזט האבן דעם דאזיקן גלויבן אין מאראלישן פראגרעס, כאטש די פאקטן האבן אים געשלאגן אויף רעכטס און אויף לינקס. אין א זין האב איך איצט געהאט איבערגענומען די ראל פון מיינע עלטערן: איך האב אין די שמועסן מיט אים אומברחמנותדיק צעשטערט זיינע הומאניסטישע אילוזיעס. ס׳טוט מיר איצט באנג. ווייל מיט וואס האב איך זיי געקאנט פארטרעטן? מיינע עלטערן האבן אמווייניקסטן געפרעדיקט רעליגיע. איך האב גארנישט פארמאגט אויסער א כוח צו צעשטערן. מיין ברודער האט ארויסגעוויזן אין באצוג צו מיר א סך טאלעראנץ און פארשטענדעניש. פארקערט, איך האב זיך געהאלטן ווידערשפעניק און גאנץ עפּעס חוצפהדיק.

אין מיר אליין האט זיך אנגעהויבן אויסשיילן א וועלט־אנשויאונג וואס ס׳איז מיר שווער צו געפינען פאר איר א נאמען. איך וואלט זי אנגערופן א סארט רעליגיעזער סקעפטיציזם. ס׳איז דא א גאט, אבער ער האט זיך צו קיינעם נישט אנטפלעקט און קיינער ווייסט נישט וואס ער איז און וואס ער באצוועקט. ס׳זיינען פאראן אומצאליקע אנדערע וועלטן און אפילו דא, אויף דער וועלט, זיינען מסתמא פאראן העכערע און נידריקערע וועזנס וואס מיר האבן וועגן זיי נישט אנונג. עס איז דא אן ארט פאר מלאכים, שדים און […]אר כוחות וואס האבן נישט און וועלן אפשר נישט האבן קיין נאמען. איך האב אויף אן אייגענעם אויסטערלישן אופן צונויפקאמבינירט משהס צען געבאט, די פילאזאפיע פון דייוויד יום, די קבלה פון ר׳ משה קארדאווירא

און פון אַר״י, דעם אָקולטיזם פון פּלאַמאַריאַן, סער אָליווער לאָדזש, וויליאַם קרוקס און פאַרקאָכט דערפון אַ קאַשע פון דעאיזם און מיסטיציזם, וואָס האָט געפּאַסט צו מיין מוח, צו מיין נאַטור. אַנשטאָט אַ קאָסמאָס פון פאַקטן, האָב איך געזען אַ קאָסמאָס פון מעגלעכקייטן. איך וואָלט געזאָגט: די מעגלעכקייט איז די זאַך אין זיך. אין אָנהויב איז געווען די מעגלעכקייט. פּאָטענץ און פאַקט זיינען אידענטיש. גאָט איז די סומע פון אַלע מעגלעכקייטן. צייט איז דער מעכאַניזם וואָס ברענגט זיי אַרויס, שטעלט זיי פאָר. די קבלה האָט געלערנט אַז אַלע וועלטן ווערן געשאַפן דורך צירופי־אותיות. מיין אייגענער געדאַנק האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיש־מאַש פון אומצאָליקע מעגלעכקייטן און קאָמבינאַציעס. איך האָב דעמאָלט זיך שוין געהאַט אָנגעשטויסן אויף שאָפּענהויערס ווערק „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג״. לויט שאָפּענהויערן איז ווילן די זאַך־אין־זיך, דער נאָומען, די טרייב־קראַפט הינטער אַלע דערשיינונגען. פאַר מיר איז די קאָמבינאַציע, די מעגלעכקייט געוואָרן דער אור־עלעמענט. גאָט איז מעגלעכקייט. דאָס איז געוואָרן מיין מעטאַפיזיק. דער עלעמענט אַליין איז קאָמבינאַציע.

דאָס איז נישט געווען קיין פילאָזאָפיע פאַר אַנדערע, נאָר פאַר מיר אַליין, אַ סאָרט פּריוואַטע פילאָזאָפיע צוגעשניטן פאַר איין געברויכער. איך אַליין האָב זי ווי ס׳איז פאַרשטאַנען, אָבער כ׳האָב נישט געהאַט די מיטלען און די באַדערפעניש זי אויסצובארבייטערן און צו געבן צו פאַרשטיין אַנדערע. כ׳וואָלט געזאָגט אַז דאָס איז מער אַ פילאָזאָפיע פון בעלעטריסטיק ווי פון זיין. גאָט איז געווען פאַר מיר אַן אייביקער און אוניווערסאַלער בעלעטריסט. זיין הויפּט־אַטריבוט איז שעפערישקייט. גאָט איז שאַפונג און דאָס וואָס ער באַשאַפט איז געמאַכט פון דעם אייגענעם שטאָף וואָס ער און איז פול מיט דעם אייגענעם געטלעכן פאַרלאַנג: ווייטער צו שאַפן. איך האָב זיך געשטיצט אויף דעם מדרש אַז איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער באַשאַפן און חרוב געמאַכט אומצאָליקע אַנדערע וועלטן. גאָט האָט, ווי מיין ברודער, געוואָרפן זיינע שאַפונגען אין קויבער אויב זיי זיינען אים נישט געראָטן. דאָס מבול, דאָס חרוב מאַכן סדום, דאָס אַרויספירן די אידן פון מצרים, — דאָס זיינען אַלץ עפּיזאָדן אין אַ געטלעכן ראָמאַן, פול מיט שפּאַנונג און אַוואַנטורעס. יאָ, גאָט איז אַ שעפער און אַלץ וואָס ער שאַפט האָט אַ ליידנשאַפט צו שאַפן. יעדער אַטאָם, יעדער מאָלעקול האָט שעפערישע מעגלעכקייטן און באַדערפענישן. די זון, די פּלאַנעטן, די פיקס־שטערן, — דער גאַנצער אוניווערז זידט מיט שעפערישקייט און שעפערישע פאַנטאַזיעס. איך האָב עס אַמשטאַרקסטן געפילט אין מיר אַליין.

דאָ האָב איך זיך באַנוצט מיט דעם וואונדערלעכן באַגריף פון צמצום וואָס אויף אים איז געבויט די קבלה פון אַר״י. גאָט איז טאַקע אַ כל יכול, אָבער ער האָט געמוזט איינשרומפּן זיך און זיין ליכט, ער זאָל קאָנען שאַפן. די אינהיביציע איז דער מקור פון שאַפונג נישט בלויז אין מענטש, נאָר אויך אין דער געטלעכקייט. דאָס שלעכטע, די קליפּה, מאַכט מעגלעך שעפערישקייט. גאָט מוז האָבן דעם טייוול פאַר זיינע אומענדלעכע ווערק. אַלע ליידן זיינען, אויב אַזוי, שעפערישע ליידן, חבלי־לידה. אַלע יסורים זיינען ווי די יסורים פון אַ שרייבער וואָס שילדערט אַ גרויליקע סצענע, לעבט זיך אַריין אין איר, ליידט מיט די העלדן, אָבער ער ווייסט דערביי אַז ס׳איז אַלץ אויסגעטראַכט און צונויפגעשטעלט צוליב אַ העכערן גענוס. יעדער מענטש,



יעדע חיה, יעדע עקזיסטענץ איז טייג אין די הענט פון אַ שעפער און דערביי אַליין אַ שעפער. מיר זיינען אַליין דער שרייבער, דאָס בוך און די העלדן. אידישע פילאָזאָפן האָבן דאָס אויסגעדריקט מיט די ווערטער: הוא היודע הוא הידוע והוא המדע.

איך וויל אייך דאָ נישט פאָרשלאָגן קיין נייע פילאָזאָפיע, נאָר שילדערן אַ געמיט־צושטאַנד. ווי אַ קינסטלער האָפט אַלע יאָרן אַרויסצוברענגען דאָס גרויסע ווערק, דאָס פּערפעקטע ווערק, אַזוי שטרעבט גאָט און אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן צו פּערפעקציע. גאָט איז נישט אַ סטאַטישע פּערפעקציע, ווי שפּינאָזאַ האָט געלערנט, נאָר אַן אומענדלעכער און אומדערזעטיקטער דראַנג צו השלמה. אַלע שאַפונגען זיינען נישט מער ווי שטאַפּלען און עקספּערימענטן אין דער געטלעכער לאַבאָראַטאָריע. ווען איך בין געווען אַ אינגל און געלערנט אַקדמות, איז דאָרט געשטאַנען אַז ווען אַלע הימלען זאָלן זיין פּאַרמעט, אַלע וועלדער פּענעס, אַלע ימים טינט און אַלע באַוואוינער פון דער ערד שרייבער, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אויסשרייבן די סודות פון דער תורה. דאָס דאָזיקע משל איז געוואָרן מיין קרעדאָ. די הימלען זיינען ווירקלעך פּאַרמעט און די וועלדער זיינען פּאַקטיש פּענעס און אַלץ וואָס עקזיסטירט שרייבט, מאָלט, קאָמבינירט און לעכצט נאָך שעפערישער פולקאָמענהייט.

וויבאַלד דער צוועק פון אַלץ איז די שאַפונג, איז שאַפונג דאָס קריטעריום פון עטיק. זי איז געוויס די מאָס פון עסטעטיק. זי קאָן אויך זיין די מעסטשנור פון סאָציאָלאָגיע. אַן אָרט האָבן בלויז יענע סאָציאַלע סיסטעמען, וואו שעפערישקייט קאָן וואַקסן. פרייהייט איז נישט מער ווי די מעגלעכקייט צו שאַפן. דער היפוך דערפון איז שקלאַפעריי. אַזוי ווי שעפערישקייט נויטיקט זיך אין צייט און אין אַ געוויסן לוקסוס, מוז מען בויען אַזאַ מלוכה וואו יעדער בירגער זאָל האָבן גענוג צייט, מיטלען און פרייהייט צו עקספּערימענטירן אויף זיין געביט. דאָס קומען פון משיח איז ביי מיר געוואָרן אידענטיש מיט אַ צייט ווען אַלע נשמות וועלן קאָנען שאַפן פריי און זוכן נייע מעטאָדן און מיטלען פאַר זייערע שעפערישע כוחות.

וויבאַלד אין אָנהויב איז געווען די מעגליכקייט, איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן זיין און פאַנטאַזיע. נישט מער, דאָס פאַנטאַסטישע קאָן נישט קומען פלוצלונג און אַנטשטיין פון גאָרנישט. עס מוז זיך שטיצן אויף דעם וואָס מען רופט עמפּיריק, אינערלעכער און אויסערלעכער. שעפערישקייט איז אינדיווידואַליזם און דער שעפער מוז דעריבער זיך אָפּשטעלן אויף דעם איינצלפאַל, דעם אויסנאַם, דעם אייגנאַרטיקן. לייבניטץ האָט פאַרזיכערט אַז די מאָנאַדן האָבן נישט קיין פענסטער, אָבער איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אַז זיי האָבן יאָ פענסטער. די מאָנאַדן פאָרשן איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי טאָרן נישט נאָכמאַכן איינער דעם צווייטן. די מאָנאַדן מוזן וויסן געגנוי ווען צו פאַרמאַכן די פענסטער און אָנצוהענגען לאָדנס...

מיט אַמאָל איז מיר געוואָרן קלאָר מיין וועג אין ליטעראַטור: צו פאַרוואַנדלען די אינהיביציע אין אַ מיטל פון שעפערישקייט; אָדער זיך אויסצודריקן אין די טערמינען פון דער קבלה: מעלה צו זיין יענע פונקען וואָס פאַלן אַריין פון דער קדושה אין דער טומאָה; צו דערקאָנען אין דער אינהיביציע אַ פריינטלעכן כוח אַנשטאָט אַ פיינטלעכן. אויב אַפילו אָט דער גאַנצער סיסטעם מיינער איז דורכאויס אַ פיקציע, האַלט איך פונדעסטוועגן אַז ער קאָן זיין גילטיק און נוצלעך פאַר דעם שעפער. אין שאַפן איז זיכער אמת

אַז דער שׂאָטן זאָגט עדות אויף דעם ליכט און אַז די חיצונים זיינען ניט מער ווי נסיונות און אַרויספאָדערונגען פאַר ווייטערדיקע שטייגונגען. יעדע נפילה איז לצורך עליה. יעדע זינד קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מצווה, יעדע תאַווה, ווי נידעריק זי זאָל נישט זיין, קאָן ווערן אַ לייטער צו שטייגן.

„שטן אין גאָריי" וואָס איך האָב געשריבן אין 1932 איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער דאָזיקער אויפפאַסונג. אַלע אַנדערע ווערק מיינע זיינען אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע. איך זוך כסדר די קדושה וואָס פאַלט אַריין אין דער טומאָה, וויסנדיק אַז ריינע קדושה איז נישט שעפעריש. נישט באַגרייפבאַר. וואָס טיפער דער שאָטן, אַלץ בעסער קאָן מען אָנזען דעם ליכטיקן פונקט אין אים, אָדער דעם ליכטיקן פונק. די שבתי צבי עפּאָכע איז געווען פאַר מיר אַ זעלטענע געלעגנהייט אויסצודריקן מיין געדאַנקען־גאַנג. זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לעקציע אין רעליגיע און אין שעפערישקייט: אַז מ׳קאָן לערנען פון דער אינהיביציע, מ׳קאָן זי לייטערן, אָבער מ׳קאָן זי נישט פאַרטרייבן מיט געוואַלד און איגנאָרירן, אָדער זיך איר אינגאַנצן אונטערגעבן. די אינהיביציע איז אַ סיגנאַל, נישט קיין יש. אין כמעט אַלע שפּעטערדיקע ווערק מיינע האָב איך געוויזן אָפן אָדער פאַרבאָרגן דעם מענטשלעכן באַגער צו שאַפן, צו געפינען דאָס נייע, דאָס אייגנאַרטיקע אין זיך, און די שטרויכלונגען וואָס ליגן אים אויפן וועג און וואָס ער טאָר נישט איגנאָרירן און פאַרגוואַלדיקן.

שאַפן איז ביי מיר אַ ברייטער באַגריף. איך וואָלט געזאָגט אַז אַלץ וואָס גיט דעם מענטש פאַרגעניגן איז שעפעריש און אַלץ וואָס פאַרשאַפט יסורים, איז אַן אינהיביציע אין זיין שעפערישן דראַנג. ווי שפּינאָזאַ בין איך אַ העדאָניסט. ווי די מקובלים, גלויב איך אַז דער פּרינציפּ פון „ער" און „זי" הערשט נישט בלויז אונטן, נאָר אין אַלע וועלטן און אַז ער איז פאַקטיש דער געטלעכער שטאָף. דער וועלט־ראָמאַן, ווי דער ראָמאַן פון אַן איינציקן קינסטלער, מוז אַנטהאַלטן ליבע.

די מקובלים האָבן פאַרגליכן די קליפּה צו דער נקבה און ס׳איז פאַראַן אין דעם אַ טיפער זין. דער מאַן קאָן אַרויסברענגען זיינע זוימען גיך און אַ סך. אָבער די פרוי איז די יעניקע וואָס פאָדערט צייט, געדולד, אַ פּעריאָד פון רייף־ווערן. זי איז, אויב איר ווילט, די אינהיביציע, אָבער זי איז גלייכצייטיק דער כוח וואָס פאַרוואַנדלט אינטענץ אין טאַט. די מקובלים האָבן צוגעשריבן אַפילו צו דער גאָטהייט דעם פּרינציפּ פון דעם מאָנסבילשן און דעם ווייבלעכן — די שכינה. גאָט אַליין מוז האָבן צייט און רוים פאַר זיינע ווערק. ער איז נישט געווען רייף באַלד פון אָנהויב, נאָר ער ווערט רייף אין דער אומענדלעכקייט. מיר מענטשן קאָנען אים דינען דורך שאַפן אויף אונזער קליינעם שטייגער און אין אונזערע ראַמען אַזאַ מצב אַז אַלץ אַרום אונז זאָל געניסן פון שעפערישן חסד; אַז דאָס גאַנצע דאָזיקע זאָל ווערן פול מיט שאַפונגס־ פרייד; פון דער בין ביז צום מענטש; פון דעם מיקראָב וואָס מאַכט זויער אונזער מילך ביז צום העכסטן מייסטער.

גאָט באַשאַפט כסדר און דער מענטש מוז גיין אין זיינע וועגן. די צוקונפט פון מענטש און פון גאַנצן קאָסמאָס איז שעפערישקייט. ס׳קאָן דעריבער נישט זיין קיין רייד וועגן דעטערמיניזם. גאָטס געזעצן זיינען עטישע און עסטעטישע. נישט פיזישע, און זיי פאַרענדערן זיך כסדר. זייער צוועק איז שיינקייט. זייער גרענעץ איז גאָטס פאַנטאַזיע. גאָט, ווי דער קינסטלער, ווייסט אַליין

Itche Mates vs Reb Gedalye

Hedonism + Kabbalism = LOVE

Inhibition = female principle



ניט פאָראויס וואָס ער וועט טאָן, אָבער די אינטענץ איז אַלעמאָל אַרויס־ צוברענגען אַ מייסטער־ווערק. אָט־די אַספּיראַציע רופן מיר יסורים.

אין דעם דאָזיקן סיסטעם זיינען עמאָציעס נישט פּאַסיוויטעט ווי ביי שפּינאָזאָן. גאָט אַליין איז עמאָציע. גאָט טראַכט און פילט. ליבע און רחמנות געהערן צו זיינע אַטריבוטן. ווי געזאָגט, איז דאָס אַ פּריוואַטע פילאָזאָפיע פאַר אייגענעם געברויך, אָבער זי איז נאָענט צו אידישקייט אָפּגעשפּיגלט אין קבלה און אין חסידות. אַ וויכטיקער עלעמענט אירער איז בחירה. ווי קאָן זיין שעפערישקייט אָן בחירה? שעפערישקייט איז אויך אוממעגלעך אָן עטיק. איך גיב דאָ בלויז ראָשי־פּרקים, אַן אָנהויב פון אַ געדאַנק וואָס איז נאָך אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.

די אידעע אַז די גאָטהייט וואַקסט, באַשאַפט זיך אַליין, גראָבט אין אירע אייגענע טיפענישן און ווערט אַלץ העכער און ליכטיקער, — איז פאַר־ באָרגן אין דער קבלה, אין חסידות, און אין יעדער רעליגיע. אַ סטאַטישער און איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל פאַרענדיקטער גאָט איז אין זיך אַליין אַ סתירה און אַ לעסטערונג. דער דאָזיקער גלויבן איז באַזונדערס נאָענט דער פאַנ־ טאַזיע פון אַ שעפער. גאָט, ווי דער מענטש, האָט נאָך זיין ווערק נישט פאַר־ ענדיקט און וועט עס קיינמאָל נישט פאַרענדיקן. גאָט איז וואוקס — אייביקער וואוקס. און אַזוי איז זיין באַשאַפונג. ווען דער מענטש וואַקסט, דינט ער גאָט און העלפט אים אין זיין געטלעכן פאַרמעסט...

*

גבריאל פרייל

# לידער

## צווישן רעגנס

ביינאכט, ווען רעגן-מוזיק וועקט דיך אויף
צווישן איין שלאף און א צווייטן,
און א טייכיק מורמל פליסט דורך
דעם דארף פון דיין חלום —
קומען צוריק צו דיר רעגנס פון קינדהייט
לאנג-און-זים פאלנדיקע
מיט עכאס יונג-זילבערדיקע ;
אדער דו טראכסט וועגן דעם שווערערן מעטאל
פון רעגנס זיך-נאך טראגנדיקע
וואס וועלן אמאל מידע אנקלאפן
אויף דיין פארמאכטער טיר.

נאר אט אין ליכט פון א פלוצלינגדיקן בליץ
דערזעסטו שארף אז דיינע יארן איצט
ציען זיך ווייט אוועק מיטן רחמנותלאזן שטראם
און אז זיי זיינען דאך גוט און וואויל-שמעקעוודיק
ווי דער איצט-פאלנדיקער רעגן.